# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלז**

**פרשת תצוה**

בענין

**קושית הגרע"א על רש"י במסכת פסחים, שמביא מקור לזה שכהן לא לבש ציץ ביום הכיפורים – מזה שאמרינן אין קטיגור נעשה סניגור**

**וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לַה':** (שמות פרק כח, לו)

**וְהָיָה עַל מֵצַח אַהֲרֹן וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת עֲוֹן הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכָל מַתְּנֹת קָדְשֵׁיהֶם וְהָיָה עַל מִצְחוֹ תָּמִיד לְרָצוֹן לָהֶם לִפְנֵי ה':** (שם, לח)

## ברייתא במסכת פסחים

די **גמרא** אין **מסכת פסחים** (עז עמוד א; וכן ביומא ז, ב; סנהדרין יב, ב) ברעגנט אראפ א ברייתא ווי עס שטייט אזוי: **תניא, ציץ, בין שישנו על מצחו ובין שאינו על מצחו - מרצה, דברי רבי שמעון** - פירוש: דער ציץ האט דאך מכפר געווען אויף די עוונת וואס עס איז געשעהן ביי הקרבת קדשים, ווי למשל אויב די דם הקרבן איז טמא געווארען וכדומה, איז די ציץ וואס די כהן גדול האט געטראגען האט מכפר געווען אויף דער חטא, אזוי ווי די פסוק שרייבט דא **'ונשא אהרן את עון הקדשים'**, זאגט רבי שמעון, אז דער ציץ האט אייביג מכפר געווען אויף די עוונת של קדשים, זיי אויב דער ציץ איז געווען על מצחו של כהן גדול, דהיינו, אויב די כהן גדול איז געגאנגען מיט די ציץ. און סיי אויב אויב די ציץ איז נישט געווען במצח הכהן גדול. זאגט די ברייתא ווייטער: **רבי יהודה אומר: עודיהו על מצחו - מרצה, אין עודיהו על מצחו - אינו מרצה** - פירוש: רבי יהודה קריגט זיך אויף רבי שמעון און ער האלט, אז דוקא אויב די כהן גדול איז געגאנגען מיט די ציץ, דעמאלטס - בשעת מעשה - האט די ציץ מכפר געווען אויף די עוונת של קדשים, אבער אין די צייט וואס די כהן גדול איז נישט געגאנגען מיט די ציץ, דעמאלטס האט די ציץ נישט מכפר געווען.

זאגט די ברייתא ווייטער: **אמר לו רבי שמעון** - האט רבי שמעון געזאגט פאר רבי יהודה: **כהן גדול ביום הכפורים יוכיח** - דער כהן גדול ביום הכיפורים וועט מוכיח זיין אזוי ווי מיין שיטה, אז דער ציץ איז מרצה אפילו 'כשאינו על מצחו' ווייל: **שאינו על מצחו ומרצה** - דהיינו, בשעת די כהן גדול האט געטוהן די עבודה לפני ולפנים, און די כהן גדול האט אנגעטוהן דעמאלטס די בגדי לבן, האט ער דאך נישט געהאט דער ציץ אויף זיך, און אפילו אזוי האט דער ציץ דעמאלטס מרצה געווען אויף די טומאת וואס איז געשעהן אין בית המקדש אין יענער צייט! איז א ראיה פון דעם אז די ציץ איז מרצה אפילו כשאינו על מצחו של כהן גדול?

**אמר לו** - האט רבי יהודה געזאגט פאר רבי שמעון: **הנח ליום הכפורים, שטומאה הותרה בציבור** - פירוש: אלע קרבנות און עבודות וואס מען האט געטוהן יום כיפור האט אויף זיך א דין פון 'עבודת ציבור', און דער כלל איז דאך אז 'טומאה הותרה בציבור', דהיינו מען מעג טוהן די עבודה אפילו בטומאה, און מען דארף נישט צוקומען צו דער ריצוי פון דער ציץ, אויב אזוי קענסטו נישט מוכיח זיין אז דער ציץ איז מרצה אפילו כשאינו על מצחו, פון דעם וואס דער כהן גדול האט נישט געהאט דער ציץ בשעת די כהן גדול האט געטוהן די עבודה לפני ולפנים.

## דברי רש"י – וקושית הגאון רבי עקיבא איגר

**רש"י** דארט אין מסכת פסחים שרייבט אויף דעס וואס די גמרא שרייבט 'כהן גדול ביום הכיפורים יוכיח שאינו על מצחו ומרצה: **שאינו על מצחו - דהא אין נכנס שם בבגדי זהב, כדאמרינן** (בראש השנה, כו, א): **דאין קטיגור נעשה סניגור** - פירוש: רש"י שרייבט אז דער מקור פון ווי מען זעהט אז די כהן גדול איז נישט געגאנגען מיט דער ציץ בשעת די עבודה לפני ולפנים יום כיפור, איז פון דעם וואס עס שטייט אין **מסכת ראש השנה** (כו, א): **אמר רב חסדא, מפני מה אין כהן גדול נכנס בבגדי זהב לפני ולפנים לעבוד עבודה, לפי קטיגור נעשה סניגור** - פירוש: רב חסדא איז מסביר פארוואס

טוט נישט די כהן גדול די עבודה לפני ולפנים מיט די שמונה בגדים פון די כהן גדול, ווייל 'אין קטיגור נעשה סניגור', דהיינו, די שמונה בגדים איז דאך געווען געמאכט מיט 'זהב', און דער זהב דערמאנט דער עגל הזהב וואס די אידן האבן געזונדיגט מיט דעם, און בשעת וואס די כהן גדול גייט אריין לפני ולפנים כדי צו מכפר זיין אויף די חטאים ופשעים פון כלל ישראל, איז נישט ראוי אז דער 'קטיגור' דער בגדי זהב, זאלן זיין א 'סניגור', צו מכפר זיין על עוונות בית ישראל. עד כאן דברי רש"י.

קומט **רבינו עקיבא איגר** אין **גליון הש"ס** דארט אין מסכת פסחים און שרייבט אויף רש"י: **תמוה לי, וכי צריך ראיה לזה הלא מפורש בכתוב דלפני ולפנים עובד רק בד' בגדים, אלא בדראש השנה אמרינן טעמא לקרא** - פירוש: רבי עקיבא איגר פרעגט אויף רש"י זייער א שטארקע קשיא. פארוואס שרייבט רש"י 'דהא אין נכנס שם בבגדי זהב "כדאמרינן בראש השנה"', די סיבה פארוואס די כהן הגדול גייט נישט אריין בבגדי זהב לפני ולפנים, איז נישט וועגן 'כדאמרינן בראש השנה', דער מקור איז ווייל עס שטייט בפירוש אין פסוק (ויקרא טז, ג-ד) **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה: כְּתֹנֶת בַּד קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי בַד יִהְיוּ עַל בְּשָׂרוֹ וּבְאַבְנֵט בַּד יַחְגֹּר וּבְמִצְנֶפֶת בַּד יִצְנֹף בִּגְדֵי קֹדֶשׁ הֵם וְרָחַץ בַּמַּיִם אֶת בְּשָׂרוֹ וּלְבֵשָׁם**, איז פון דער פסוק בהדיא מבואר אז דער כהן איז נישט געגאנגען דער ציץ ביי די עבודת ים הכיפורים לפני ולפנים? און רבי עקיבא איגר בלייבט מיט די תמוה!

## תירוצו של הגה"ק רבי אברהם איגר מלובלין זצוק"ל

דער אייניקל פון רבי עקיבא איגר, **הגה"ק רבי אברהמ'עלע איגר פון לובלין זצוק"ל** [בנו של רבי יהודה ליב מלובלין, בנו של רבי שלמה, בנו של רבינו עקיבא איגר זי"ע] ענטפערט א הפלא'דיגע תירוץ צו מבאר זיין דברי רש"י, און פארענטפערט ער דער תמוה פון דעם זיידן רבי עקיבא איגר - דער תירוץ ווערט געברענגט אין די ספר 'אמרי כהן' פון די גרויסע גאון וחריף **רבי מאיר ווארשאוויאק** פון די גרויסע למדים און ווארשא פארן קריג, וזה לשונו שם (פרשת אחרי, אות ב), נאך וואס ער ברענגט אראפ די קשיא פון רבי עקיבא איגר: **ובשם נכדו הרב הצדיק מהר"א זצ"ל מלובלין שמעתי לתרץ, דלכאורה קשה מה ראיה מיום הכיפורים, הא יש לומר שאני יום הכיפורים דעצומו של יום מכפר, ואינו צריך ציץ, ומשום הכי הביא רש"י הטעם דאין קטיגור נעשה סניגור, הרי דגם ביום הכיפורים נצרך סניגור, ועל כרחך צריכין לומר משום דציץ מרצה** - פירוש: לכאורה איז שווער אויף רבי שמעון וואס ברענגט ער א ראיה פון יום כיפור אז דארט איז די ציץ מרצה אפילו עס איז נישט אויף די שטערן פון די כהן גדול, מען קען לכאורה זאגן אז יום כיפור איז דאך די 'עצם היום מכפר' (עי' משנה יומא, פרק ח, משנה ט), און לעולם דארף מען נישט קיין ציץ יענער טאג צו מכפר זיין אויף די טומאות וואס געשעהן אין בית המקדש, און לעולם איז די ציץ נאר מרצה ווען עס איז על מצחו של הכהן גדול? וועגן דעם קומט רש"י אין שרייבט, אז די טעם פארוואס די כהן גדול איז נישט אריין לפני ולפנים בבגדי זהב איז וויבאלד 'אין קטיגור נעשה סניגור', און לכאורה ווערט שווער, אפילו אויב די בגדי זהב ווערן א 'קטיגור' קען מען נאך אלץ אריין לפני ולפנים מיט די בגדי זהב, ווייל די עצם יום כיפור גייט מכפר זיין אויף דער 'קטיגור' וואס די בגדי זהב גייט מאכן? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם, אז אפילו מען זאגט אז עיצומו של יום הכיפורים מכפר, אפילו אזוי דארף מען נאך אלץ א סניגור, איז די זעלבע זאך לגבי די ציץ, אפילו די עצם יום כיפור איז מכפר, אפילו אזוי דארף מען די ציץ זאל מרצה זיין אויף די טומאת וואס געשעהן אין בית המקדש, און אויב אזוי איז זייער גוט די ראיה פון רבי שמעון, אז אפילו די ציץ איז נישט על מצחו של הכהן הגדול אפילו אזוי איז עס מכפר.

אין אנדערע ווערטער: די חידוש פון די תירוץ איז, אז דעם וואס רש"י שרייבט: 'שאינו על מצחו - דהא אין נכנס שם בבגדי זהב, כדאמרינן דאין קטיגור נעשה סניגור', איז נישט צו מפרש זיין די הלכה אדער טעם פארוואס די כהן גייט נישט קיין 'ציץ' לפני ולפנים, נאר רש"י קומט פשוט מבאר זיין א זייטיגע זאך, דהיינו, אז מען זעהט ביי יום כיפור אז אפילו די עצם היום איז מכפר אפילו אזוי דארף מען א 'סניגור', און אזוי גייט מען זאגט אז די כהן גדול דארף האבן די ציץ צו מרצה זיין.

## תירוצו של הקרבן תודה

הגאון העילוי **רבי אביגדור מרדכי כ"ץ זצ"ל** אין זיין ספר קרבן תודה אויף מסכת פסחים, ענטפערט דער קשיא מיט א חידוש פון א תירוץ, וזה לשונו: **ונראה לתרץ יען דיש לומר דראית רבי שמעון אינה ראיה, דבאמת כשאינו על מצחו אין מרצה, שנאמר 'על מצח וגו' ונשא', ומיום הכיפורים לא קשיא, דנשתנה הציץ משאר שלשה בגדי כהונה, דאם לא נעשה פסול טומאה בקרבן, אז אין עובד בפנים כי אם בארבעה בגדי כהונה, מה שאין כאן כשנעשה פסול טומאה, אז היה עובד בחמשה בגדי כהונה, בהצטרף גם כן הציץ, נתקיים שפיר שני קראי, הקרא דנאמר דלפני ולפנים אין עובד רק בערבעה בגדי כהונה, מיירי שלא קרה פסול טומאה, וקרא דעל מצח ונשא מגלה דכשקרה פסול טומאת צריך לעבוד גם כן בציץ, ואם כן מאי מקשה רבי שמעון, לכן פירש רש"י דהא טעמא דקרא הוא משום דאין קטיגור נעשה סניגור, ואם כן איך אפשר ליכנס לפני ולפנים להזכיר חטא העגל, בעל כרחך דאינו עובד כלל בציץ ביום הכיפורים, ומקשה שפיר** - פירוש: דער קרבן תודה פרעגט אז לכאורה זענען זיך די ביידע פסוקים סותר. און די פסוק ביי אינז אין די פרשה **וְהָיָה עַל מֵצַח אַהֲרֹן וְנָשָׂא... וְהָיָה עַל מִצְחוֹ תָּמִיד** איז משמע אז דער ציץ דארף אייביג זיין אויף די מצחו של הכהן גדול, אפילו ווען ער האט געטוהן די עבודה מיט די בגדי לבן, און פון דער פסוק **בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ וכו'**, איז משמע אז די כהן גדול האט נאר געהאט דער ארבעה בגדי כהונה - און נישט דער ציץ?

איז דער קרבן תודה מחדש, אז דער חיוב פון גיין די ציץ איז בעצם געווען כדי עס זאל זיין וְהָיָה עַל מֵצַח אַהֲרֹן "וְנָשָׂא", דהיינו די ציץ זאל מרצה זיין ווען עס געשעהט א טומאה אין די בית

להערות והארות או לקבלת הגליון אפשר לפנות להמייל: mgudim1044@gmail.com

המקדש, און וועגן דעם קען מען זאגן, אז אין הכי נמי, לעולם איז די כהן גדול געגאנגען ווען ער האט געטוהן די עבודה לפני ולפנים נאר מיט די בגדי לבן, אבער אין א פאל וואס עס האט זיך געמאכט באותו זמן עפעס א טומאה בקדשים, האט דער כהן יא געגאנגען די ציץ, דהיינו די כהן איז אריין לפני ולפנים מיט די בגדי לבן, אזוי ווי עס שטייט אין די פסוק פון בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ, אבער בנוסף צו דעם האט ער אויך אנגעהאט די ציץ אזוי ווי עס שטייט וְהָיָה עַל מֵצַח אַהֲרֹן וְנָשָׂא, דהיינו די כהן גדול האט געהאט באותו הזמן חמשה בגדי כהונה, און אזוי קען מען פארענטפערן אזביידע פסוקים זאלן שטומען. און אויב מען וועט אזוי מפרש זיין די פסוקים וועט רבי שמעון נישט קענען ברענגען א ראיה לשיטתו אז די ציץ איז מרצה אפילו כשאינו על מצחו פון 'יום הכיפורים', ווייל לעולם ווען עס איז געשעהן א טומאה אין די בית המקדש איז די כהן יא געגנגען די ציץ. וועגן דעם קומט רש"י אין ברענגט די טעם הדבר, פארוואס די כהן האט געטוהן די עבודה לפני ולפנים מיט די בגדי לבן און נישט מיט די בגדי זהב, ווייל אין קטיגור נעשה סיניגור, און לפי דער טעם איז די כהן גדול אפילו נישט געגאנגן מיט די ציץ לפני ולפנים, און אזוי זאגט רבי שמעון זייער גוט 'כהן גדול ביום הכפורים יוכיח שאינו על מצחו ומרצה'.

### תירוצו של הבארות מים

כעין די פריעדיגע תירוץ - אבער מיט א אנדערע קנייטש - שרייבט די גאון **רבי משה מרדכי שטעגיר זצ"ל אב"ד ראדלוב** אין זיין ספר בארות המים, וזה לשונו: **וי"ל לפי מה שאיתא ביומא** (לה, א) **דאמר קרא בד בד מובחר בבד, אם כן יש לומר דמה שכתב קרא 'כתונת בד קדש ילבש וכו' עד ולבשם, רוצה לומר שילבש ביום הכיפורים מהמובחר שבבד, משאין כן בשאר ימות השנה, אבל לא בא להוציא שלא ילבש בגדי זהב בבואו לפני ולפנים, משום הכי הביא רש"י ממה שאיתא בראש השנה אין נכנס בבגדי זהב משום דאין קטיגור נעשה סניגור** - פירוש: די **גמרא** זאגט אין **מסכת יומא** (לד, ב - לה, א): **חכמים אומרים בשחר היה לובש של שמונה עשר מנה, ובין הערבים של שנים עשר מנה** - פירוש: די כהן גדול ווען ער האט אנגעטוהן די בגדי לבן ביי די עבודות אינדערפרי, האט ער אנגעטוהן בגדי לבן וואס האט געקאסט 'שמונה עשר מנה', און ווען ער האט אנגעטוהן די בגדי לבן ביי די עבודת נאכמיטאג האט ער אנגעטוהן בגדי לבן וואס האט געקאסט 'שנים עשר מנה'. קומט די גמרא און פרעגט: **דשחר עדיפי מנלן?** - פירוש: פון ווי לערנט מען ארויס אז די בגדי לבן וואס די כהן גדול איז געגאנגען יום כיפור צופרי איז געווען טייערער פון די בגדי לבן וואס ער איז געגאנגען ביינאכט? ענטפערט די גמרא: אמר קרא 'כְּתֹנֶת **בַּד** קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי **בַד** יִהְיוּ עַל בְּשָׂרוֹ וּבְאַבְנֵט **בַּד** יַחְגֹּר וּבְמִצְנֶפֶת **בַּד** יִצְנֹף בִּגְדֵי קֹדֶשׁ הֵם' - **'מובחר בבד'** - פירוש: ביי די עבודות השחר פון די כהן גדול שטייט פוהר מאל די ווארט בד', לערנט מען ארויס אז די בגדי לבן של שחרית דארף זיין 'מן המובחר שבבד', דהיינו טייערע מיני סארט פשתן.

לפי זה זאגט די בארות המים אז לפי דער גמרא אין מסכת יומא קען מען זאגן לעולם, אז די כהן גדול איז געגאנגען אלע שמונה בגדים ביי די עבודה פון יום כיפור, און דעם וואס עס שטייט אין פסוק בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ וכו', קומט נאר צו לאזן הערן, אז דער ד' בגדים האט געדארפט זיין יום כיפור דוקא פון טייערע סארט פשתן, מה שאין כן א גאנץ יאר וואס עס איז געווען פון פשוט'ע פשתן, און אויב אזוי איז די כהן גדול יא געגאנגען מיט די ציץ אפילו ווען ער האט געטוהן די עבודה לפני ולפנים, און די ראיה פון רבי שמעון איז בכלל נישט קיין ראיה, וועגן דעם קומט רש"י און ברענגט די גמרא אין מסכת ראש השנה, ווי עס שטייט בפירוש אז די כהן גדול איז נישט געגאנגען מיט בגדי זהב ביי די עבודת לפני ולפנים, און די טעם איז אלץ אין קטיגור נעשה סניגור - און אויב אזוי שוטמט זייער גוט די ראיה פון רבי שמעון, אז די ציץ איז נישט געווען מצחו של הכהן גדול, און אפילו אזוי האט עס מכפר געווען.

### תירוצו של הפני מנחם מגור זצ"ל

די **פני מנחם פון גור זצ"ל** ענטפערט א הפלא'דיג תירוץ אויף דער קשיא, וזה לשונו (בשולי הגליון פסחים שם): **ובהוריות יב, ב, מפורש דלרבי שמעון כהן שעבר משמש בח' בגדים ולובש ציץ, ולפי זה אפשר אולי לתרץ קושיית רבינו ז"ל ואתי שפיר דברי רבינו רש"י ז"ל, דכאן רבי שמעון קאמר לרבי יהודה, ואי לאו דאין קטיגור, משכחת לה ביום הכפורים ציץ אפילו בשעת העבודה בפנים, גבי כהן שעבר שלובשה אז בחוץ, לפיכך הזכיר רש"י ז"ל דאין קטיגור נעשה סניגור, ולפי זה אולי גם הכהן שעבר לא היה אז לובש הציץ, ואפילו היה לובש מכל מקום הכפרה שתהיה תלויה בדבר שאפשר לומר עליו אין קטיגור נעשה סניגור לא אמרינן, ואתי שפיר** - פירוש: אין גמרא אין מסכת הוריות איז מבואר אז אז א 'כהן גדול שעבר', דהיינו א כהן גדול וואס איז אמאל געווען א כהן גדול, אין שפעטער איז ער געווארען אויס, דארף ער נאך אלץ גיין מיט די שמונה בגדים אזוי ווי א כהן גדול. לפי זה זאגט די פני מנחם, קען מען זייער שיין פארענטפערן פארוואס רש"י כאפט אן די טעם פון 'אין קטיגור נעשה סניגור', ווייל פון די פסוקים בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ רעדט מען נאר פון די כהן גדול המכהן עכשיו, און ער האט טאקע האט נישט געהאט די ציץ אויף זיך, אזוי ווי אין פסוק שטייט. אבער די כהן שעבר וואס ער איז דאך נישט בכלל 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ' ווייל ער גייט דאך נישט אריין לפני ולפנים, איז אפשר האט זיין ציץ מרצה געווען בשעת ווען די כהן גדול המכהן איז געווען לפני ולפנים, איז ווי אזוי זאגט רבי שמעון 'כהן גדול ביום הכפורים יוכיח שאינו על מצחו ומרצה'? וועגן דעם קומט רש"י אין שרייבט אז דער טעם איז משום 'אין קטיגור נעשה סניגור' און מכח דער טעם גייט מען זאגן אז אפילו די כהן שעבר וועט נישט לובש זיין די בגדי זהב בשעת די כהן גדול המכהן טוט די עבודה לפני ולפנים, כדי די בגדי כהן שעבר זאל נישט אריין גיין בכלל 'אין קטיגור נעשה סניגור'. ושפתיים ישק!